**העסק וויליאַמסבורג דעי העב מיטגלידער פראַווען הערליכע שבת אין העסק קעמפ**

**זענען פוקד ציון פון כ"ק אדמו"ר מסאטמאר זי"ע ביומא דהילולא קדישא**

פאַרקסוויל – אַ הערליכער שבת איז געפראַוועט געוואָרן דורך העסק צענטער'ס וויליאַמסבורג דעי-העב מיטגלידער אין די וועלט באַרימטע קעמפ העסק, אין פאַרקסוויל, וואו די גרופע, אינאיינעם מיט די קאַונסלערס, העסק קעמפערס, און מיטגלידער אין אַנדערע העס"ק סערוויסעס האָבן אינאיינעם פאַרברענגט אין אַן אַנגענעמע סביבה און אַ לעבעדיגע אַטמאָספערע.

נאָך קרוב צו אַ פערטל יאָר-הונדערט וואָס דער העסק צענטער איז וועלט באַרימט מיט אַ רייע סערוויסעס אַרויסצוהעלפן ספּעציעלע קינדער און ערוואַקסענע, און זייערע משפחות, מיט אַ רייע סערוויסעס, צו פאַרבעסערן זייערע מעגליכקייטן, אַריינצוברענגן אַ לעבעדיקייט אין זיי און זיין איינשליסן אין די געזעלשאַפט, האָט דער צענטער פאַר עטליכע חדשים צוריק געעפנט אַ דעי-העב פראָגראַם אין וויליאַמסבורג, מיט ספּעציעלע סדרים געאייגנט פאַר היזיגע מיטגלידער.

זינט די עפענונג האָט די דעי-העב זיך ערוואָרבן אַן אויסערגעוועהנליכע רעפּוטאַציע. די אַלע וואָס זענען באַקאַנט דערמיט שעצן די איבערגעגעבענע, געטרייע, און וואַרימע באַדינונגען פון וואָס די מיטגלידער געניסן. עס ווערן צוגעשטעלט ספּעציעלע אַקטיוויטעטן, וועלכע לעבן זיי אויף, לערנען זיי אויס פאַרשידענע וויכטיגע קענטעניסן וועלכע וועלן זיי אי"ה באַגלייטן במשך זייער לעבן און אויפבויען זייער זעלבסט-שטענדיקייט, און די סטעף מאַכט זיכער און רעכנט אויס די אַקטיוויטעטן אַז יעדער איינער זאָל ווערן איינגעשלאָסן און אַקטיוו מיטהאַלטן די סדרים.

ווי האָט זיך איינער פון די עלטערן אויסגעדרוקט: "יאָ, עס איז העסק צענטער! די וואַרימקייט, איבערגעגעבנקייט, און געלונגענע ספּעציפיש צוגעשטעלטע אַקטיוויטעטן זיכער צו מאַכן אַז יעדער שטייגט, זענען די פינגער אָפּדרוקן פונעם העסק צענטער. די וויליאַמסבורג דעי העב פּראָגראַם קען מיט רעכנט באַצייכנט ווערן אַלס אַן אינטעגראַלער טייל פונעם וועלט באַרימטען העסק צענטער, וואָס שם'ט מיט זייער אויסערגעוועהנליכע סערוויסעס פאַר די מיטגלידער."

פאָריגן דאָנערשטאָג איז די דעי-העב גרופּע פון בחורים אַרויסגעפאָרן פאַרברענגן אַ שבת אין די העס"ק קעמפּ, בעת מ'איז אויך אַרומגעפאָרן אין די מאַונטענס, וואו מ'האָט אַנגענעם פאַרברענגט און זיך באַקענט מיט פאַרשידענע ערטער, פון וואָס די מיטגלידער האָבן שטאַרק הנאה געהאַט.

ביים אָנקומען אין קעמפּ, נאָך אַ רייזע פון עטליכע שעה פון די שטאָט, זענען די דעי-העב מיטגלידער וואַרים ענטפאַנגען געוואָרן פון די קעמפּערס און קאַונסלערס. עס איז סערווירט געוואָרן אַ נאָרהאַפטיגע, אַפּעטיטליכע נאַכט-מאָל, דערנאָך זענען די מיטגלידער געגאַנגען שווימען אין די ריזיגע, באַקוועמע, און ספּעציעל אויסגעשטאַטע אינדאָר-פּול, ווי פאַרשטענדליך אונטער די אויפזיכט פון גאָר געלערנטע לייוו-גאַרדס.

אַזוי ווי אין די שטאָט, וואו די גרופּע דאַווענט טעגליך בציבור, האָבן די בחורים אויך איצט געדאַווענט מנחה-מעריב מיט מנין. נאָך אַ פול-אויסגענוצטע טאָג פון פאָרן, און אַקטיוויטעטן, האָט נישט אויסגעפעלט צו בעטן צו גיין שלאָפן. אויסגעמוטשעטערהייט, אָבער צופרידן פון אַן פול אויסגענוצטע טאָג, זענען זיי אַלע שנעל און טיף איינגעשלאָפן, אָנצושעפּן כוחות פאַרן מאָרגנדיגן טאָג, וואָס זיי האָבן שוין געוואוסט אַז עס וואַרט זיי גאָר לעבעדיגע אַקטיוויטעטן, און האָבן אַרויסגעקוקט דערויף.

פרייטאָג אינדערפרי – נאָכן דאַווענען שחרית בציבור און אָפּעסן אַ פרישטאָג צו די זעט – האָט זיך די שיירא אַרויסגעלאָזט. צום ערשט איז מען געפאָרן "ראָו-באָוטינג." עס דערציילט דער פירער פון די דעי-העב פּראָגראַם מיט באַגייסטערונג ווי יעדע פרישע אַקטיוויטעט עפנט אויף פרישע כוחות און לעבט אויף אַן אַנדערן פון די מיטגלידער. אין די צייט וואָס יעדער האָט הנאה געהאַט פון שיפלען, האָט איינער פון די מיטגלידער גאָר גוט געדרייט דעם שטעקן, און עס האָט אַריינגעגאָסן אין אים גאַלאָנען פון פאַרגעניגען אַז ער איז טויגליך און מען געניסט פון זיינע קענטעניסן.

מ'איז אויך אַרומגעפאָרן באַזוכן אַ רייע קאָנטריס, ישיבות, און בתי מדרשים אין די אומגעגנט. צווישן אַנדערע האָט מען באַזוכט די סוואַן לעיק שול, נועם אלימלך קעמפּ און די דאָרטיגע ווירבלנדע שול. די בחורים האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון די באַזוכן, און האָבן זיך אינטערעסירט איבער די פאַרשידענע קאָלאָניעס און פלעצער וואָס זיי האָבן געזען. ווי אויך איז מען אינאיינעם געגאַנגען איינקויפן לכבוד שבת. נאָך אַ פולע טאָג, האָט מען זיך צוריקגעקערט אין קעמפּ זיך גרייטן צום שבת.

דער קלימאַקס איז געווען דער שבת קודש. עס איז געווען אַ הערליכע צוזאַמענקונפט, וואו די בחורים האָבן געשטראַלט בעת'ן זינגען די ניגונים און דאַווענען די תפלות אינאיינעם. נאָכן אָפּדאַווענען קבלת שבת – וואָס האָט איינגעשלאָסן אַ הילכיגע לכה דודי אין וואָס די קאַונסלער און די דעי-העב מיטגלידער זענען אַריינגעצויגען געוואָרן אין אַ הילכיגן געזאַנג, און מ'האָט זיך געשפּירט ווי אין די לופטן – איז מען צוגעגאַנגען צו די סעודות, ביי הערליך געדעקטע טישן, להתענג בתענוגים. די סעודה האָט זיך פאַרצויגן ביז גאָר שפּעט, ווען די באַטייליגטע קענען זיך נישט שיידן פון דעם הערליכן מעמד, וואו אַלעס אינאיינעם שטראַלט און קוועלט חיות און פאַרגעניגען.

ענליך האָט זיך איבערגעשפּילט בייטאָג – דאָס דאַווענען און די סעודות זענען געווען גאָר הערליך און געהויבן. דערנאָך האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ שיינע שפּאַציר, וואו מ'האָט געשמועסט און פאַרברענגט. עס וואָלט זיך פאַרצויגן גאָר לאַנג, ווען נישט וואָלקענעס וועלכע האָבן אָנגעזאָגט אַ רעגן האָבן געצווינגען עס איבערצורייסן און זיך שנעל צוריקקערן אין קעמפּ, צו טרעפן שוץ אונטער דעכער.

נאָכמיטאָג – נאָכן שינה בשבת – איז פאָרגעקומען אַ גאָר באַ'טעמ'טע עונג שבת, אויף די הערליכע, דערפרישנדע גראַונדס פונעם קעמפּ. ביי טישן געדעקט מכל טוב וטוב האָט מען געזינגען און פאַרברענגט, און אַלעס האָט מיטגעלעבט און הנאה געהאַט. אויך איז פאָרגעלערנט

געוואָרן אַ שיעור, פאָרזעצנדיג די ענינים וואָס מ'לערנט במשך דעם סדר הלימוד אין די דעי-העב פּראָגראַם אין די שטאָט.

נאָך הבדלה, מוצאי שבת, האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין לעבעדיגע טענץ, וואו יעדער האָט זיך אויסגעגאָסן די גליקליכע געפילן און מיטגעצויגען געוואָרן אין די ריקודין. אויך איז מען צוגאַנגען צו אַ שכנות'דיגע קעמפּ, וואו מ'האָט פאַרברענגט און הנאה געהאַט אינאיינעם.

געשלאָסן האָט זיך די אינהאַלטס-רייכע אויספלוג מיט אַן אָפּשטעל אין קרית יואל, זונטאָג אינדערפרי, וואו מ'האָט פוקד געווען דעם ציון הקדוש פון כ"ק אדמו"ר מסאטמאר זי"ע אין טאָג פון די יאָרצייט. נאָכן הערן אונטערוועגנס וועגן דעם בעל ההילולא, דער ריזיגער ציבור וואָס שטראָמט מתפלל זיין ביים ציון דעם טאָג, און וואָס פאַר אַ שעת הכושר עס איז, האָבן די מיטגלידער געזאָגט תהלים ביים ציון הקדוש מיט אַ קענטליכע ערנסטקייט. האָפענטליך האָבן די בקשות פון די ריינע הערצער אויסגעפּועל'ט אַלעס גוט פאַר זיך, זייערע עלטערן און פאַמיליעס, און פאַר גאַנצן כלל ישראל.

אָנקומענדיג צוריק אַהיים האָט זיך דערקענט אויף די מיטגלידער'ס פנים'ער ווי שטאַרק זיי האָבן הנאה געהאַט פון דעם אויספלוג. במשך די וואָך, ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייער אַקטיווע סדר היום'ס אין די העס"ק צענטער דעי-העב פּראָגראַם – וואָס שליסט איין טעגליך תפלה בציבור, אינטערעסאַנטע שיעורים באַגלייט מיט פּראַקטישע ביישפּילן וואָס ציעט זייער אינטערעסע, וואַלאָונטיר אַרבעט פאַר מוסדות צדקה וחסד, און נאָך – האָבן די מיטגלידער נישט אויפגעהערט צו שמועסן פון דעם שבת. עס האָט באַשיינפּערליך שטאַרק געהויבן זייער מוט און אַריינגעברענגט אין זיי אַ פרישקייט, וואָס העלפט אויפבויען זייער זעלבסט-געפיל און צופרידנהייט.